# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך גיטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### מַיין שִׁיכֶעלֶע

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא מַתָּנָה 'סְפִירַת הָעֹמֶר' אַ גוּטֶע סְטַאנְצְיֶע זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְבֶּעטְן אוּן רֵיינִיגְן, וֶוערְן גְרֵייט צוּם לֶעכְטִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. יֶעדֶער אִיד, יֶעדֶעס אִינְגְל ווייל אַרוֹיסְשְׁרֵייעֶן זַיינֶע וֵוייטָאגְן, זַיינֶע גֶעפִילְן אָבֶּער מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט אַלֶעמָאל דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוּן אָרְט וואוּ אוּן ווען מֶען זָאל עֶס קֶענֶען טוֹן פְּרַיי, מִיר הָאבְּן דִי מַתָּנָה אִין שׁוּל יֶעדֶע נַאכְט, ווען צוּזַאמֶען מִיט דִי חֲבֵרִים קֶענֶען מִיר אוֹיסְשְׁרֵייעֶן דֶעם גֶעשְׁרֵיי.

לָאמִיר זֶען אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (פסח ט) ווִיאַזוֹי ר' נָתָן טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת".

אִין תּוֹרָה שְׁטֵייט וּסְפַרְתֶּם לָכֶם, דָּרְשְׁ'נֶען חֲזַ"ל 'לָכֶם - לְעַצְמְכֶם' אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ, פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט זַיין עִנְיָן אוּן זַיין מַצָּב אוּן עֶלְטֶער, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וואס דאכְט זִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען בֶּעסֶער פוּן מִיר.

עֶס אִיז דָא אַ קְלֵיין תּוֹרָה'לֶע וואס רוּפְט זִיךְ "אֶחָד הָיָ' אַבְרָהָם", וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקָר הִתְקָרְבוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אַז שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וואס הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים א.ד.ג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט אוּנְז טַאקֶע אִין דֶער מַעֲשֶׂה פוּן חָכָם וְתָם אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מְלָאכָה פוּן שׁוּסְטֶערַיי אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זַיינֶע שִׁיךְ וואס עֶר הָאט פַּארְקוֹיפְט הָאט גֶעהַאט דְרַיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין שִׁיךְ אוּן גֶעזָאגְט: "ווִי שֵׁיין אוּן ווִי זִיס אִיז דָאס שִׁיכֶעלֶע!", ווען זַיין ווַייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶער'ס נֶעמֶען דְרַיי גוּלְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ גוּלְדְן מִיט אַ הַאלְבּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן ווַייטֶער וואס הָאבְּן מִיר צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע?".

זָאגְט ר' נָתָן אִין דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין אַפָּאר זַאכְן וואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט תְּמִימוּת אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן בְּגַשְׁמִיּוּת, ווען זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אַפָּאר מָאל דָאפְּלְט מֶער פוּן אִים, עֶסְן מִיט טְרִינְקֶען, בְּגָדִים אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ מִיט וואס עֶר הָאט, אוּן זָאל זַיין אַן עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ.

דָאס זֶעלְבֶּע ווען אַ אִינְגְל זֶעט ווִי זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען חָשׁוּבֶ'ער אוּן פִיל גְרֶעסֶער פוּן אִים אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, מֶער פוּן טוֹיזְנְט מָאל גְרֶעסֶער, טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן, אַזוֹי ווִי בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם תָּם, וואס דִי שִׁיךְ מִיט דְרַיי עֶקְן אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן דַאווֶענֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם אֲפִילוּ אוֹיבּ דָאס דַאווֶענֶען קוּקְט נֶעבֶּעךְ אוֹיס אָן אַ פָּנִים אוּן אָן

אַ טַעם דאַרְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין און מאַכְן אַן עֵסֶק דֶערְפוּן.

טְרַאץ וָואס מַיינֶע חֲבֵרִים קֶענֶען מִיךְ אָנְקוּקְן ווי דֶער שְׁטָאטְ'ס נאַר, וֶועל אִיךְ צֵיילְן סְפִירָה פאַר מִיר און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה וָואס מֶען פאַרְדִינְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זַיי אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער תָּם און מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּמִימוּת בֶּאֱמֶת און זַיין שְׂטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

# איין מעשה'לע

*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

'חֶעזְקֶעלֶע אִיז שׁוֹין ווידֶער מִיט זַיין תְּהִלִּים,' הָאט דֶער טַאטֶע בַּאמֶערְקְט. לֶעצְטְנְס זֶעט מֶען אִים אַסאַךְ מִיטְן תְּהִלִּים אָדֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי. זַיינֶע לִיפְּן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ מוּרְמְלֶען תְּפִלּוֹת אוֹיף תְּפִלּוֹת. וֶועט אִיר פְרֶעגְן, וֶועלְכֶע צָרָה הָאט אִים בַּאטְרָאפְן? נִישְׁט עֶפֶּעס בַּאזוּנְדֶער. בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶר אִיז גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק מִיט אַלֶע גְלִידֶער, עֶר גֵייט און קוּמְט אִין חֵדֶר ווי יֶעדֶער דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכֶער קִינְד, אָבֶער טִיף אִין זַיין הַארְץ הָאט עֶר אַ נָאגְנְדֶע גֶעפִיל וָואס נָאר אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער קֶען פַארְשְׁטֵיין. דָאס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֵייסְט עֶס אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן. עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט זַיין רֵייזֶע צוּ פָּארְן אֵיינְמָאל, אוֹיךְ זַיין יוּנְגֶערֶע בְּרוּדֶער הָאט שׁוֹין גֶעהַאט זַיין רֵייזֶע אַ יָאר דֶערוֹיף, אַצִינְד הָאט דֶער טַאטֶע גֶעמָאלְדְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ בַּאצָאלְן פַאר טִיקֶעטְס און ווי עֶס שֵׁיינְט וֶועט עֶר נִישְׁט נֶעמֶען דִי אִינְגְלֶעךְ.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מַשְׁלִים זַיין. "טַאטִי, בִּיטֶע, אִיךְ בֶּעט דִיךְ. כְ'וֶועל זַיין אַ גוּט קִינְד, אַלֶעס פָּאלְגְן, לֶערְנֶען פְלַייסִיג, זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְקְרִיגְן..." בְּקִצּוּר, עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין אַ צַדִּיק פוּן דִי בִּיכֶער, אַבִּי צוּ קֶענֶען פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן, כְּאִילוּ דָאס אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן דֶעם טַאטְן. פוּן זַיין זַייט וָואלְט עֶר אִים זֵייעֶר גֶערְן מִיטְגֶענוּמֶען אָבֶער וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי קָאסְטְן שְׁטֵייגְן ווי אוֹיף הַיִיוֹן, קוּים וָואס עֶר קֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ אַלֵיין אַ טִיקֶעט וָואס דָאס אִיז דָאךְ עוֹלֶה עַל הַכֹּל, ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט.

"בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן," הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעעֵצָה'ט. מֶער פוּן דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט מִיט וָואס אִים צוּ בַּארוּאִיגְן. צוּ זָאגְן אַז סְ'אִיז חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט ווִיכְטִיג אָדֶער אַז עֶר אִיז נָאךְ צוּ קְלֵיין, וָואלְט נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעוֶוען. "זִיכֶער דַארְפְסְטוּ פָּארְן אָבֶער דָאס אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן," הָאט עֶר אִים גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי זַאךְ מִיטְן גַאנְצְן עֶרְנְסְטְקַייט. עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פוּן הַארְצְן טִיפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן. זַיינֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאוואוּנְדֶערְט.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ שׁוֹין דֶערְנֶענְטֶערְט. דִי לוּפְט שְׁמֶעקְט שׁוֹין פוּן אוּמַאן. וואוּ מֶען גֵייט און שְׁטֵייט הֶערְט מֶען רֶעדְן פוּן טִיקֶעטְס, פְלִיגֶערְס, אַכְסַנְיָה'ס, רֵייזֶע פְּלֶענֶער... אַלֶעס קָאכְט און רִידֶערְט ווי אוֹיף

הֵייסֶע קוֹילְן וֶוען חֶעזְקֶעלֶע שְׁטֵייט אִין זַייט וִוי אַן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְטֶער. אָבֶער דָאס הָאט אִים נִישְׁט גּוֹרֵם גֶעוֶוען צוּ מְיֵאוּשׁ וֶוערְן. וִוידֶער אוּן וִוידֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעדַאוְונְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

*

"אַ גוּטְן רֶבִּי וַוייס," הָאט חֶעזְקֶעלֶע'ס טַאטֶע גֶעהֶערְט אַ בַּאקַאנְטֶע קוֹל. סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶער טַאטֶע פוּן זַיינְס אַ תַּלְמִיד. "וָואס מַאכְט מַיין הֶערְשְׁל?" הָאט עֶר זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט.

"בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַּיין. מְ'זֶעט וִוי עֶר שְׁטֵייגְט אָבֶער עֶר בְּרוֹיךְ נָאךְ הִילְף." דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הֶעלְפְן הֶערְשְׁל וַוייטֶער שְׁטֵייגְן אוּן לֶערְנֶען.

פַּארְן זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען הָאט הֶערְשְׁלְ'ס טַאטֶע אַרוֹיסְגֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע בַּאנְקְנָאטְן אוּן דָאס דֶערְלַאנְגְט פַּארְן רֶבִּי'ן. "דָאס אִיז פַּאר אַייךְ, אוֹיף אַייעֶר גֶעטְרַיישַׁאפְט," הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן, דֶערְבַּיי הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ הַאלְטְן אַ נָאנְטֶע אוֹיג אוֹיף הֶערְשְׁל.

חֶעזְקֶעלֶעס טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים אוּן קוּקְט אִיבֶּער וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם תַּלְמִידְ'ס פָּאטֶער אוּן בַּאמֶערְקְט אַז סְ'אִיז גָאר נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶער סְכוּם.

"חֶעזְקֶעלֶע, אִיךְ מֵיין אַז זַאכְן הֵייבְּן זִיךְ שׁוֹין אָן צוּ קָאכְן," הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן בַּאגֵייסְטֶערְט.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט טַאנְצְן אִיבֶּער דִי בֶּעטְן פַּאר גְרוֹיס שִׂמְחָה אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פָּארְן קַיין אוּמַאן אָבֶער דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז שִׂמְחָה אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט, דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן פַּאר דִי גוּטְס אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג אָבֶער מֶען דַארְף נָאךְ אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה. סְ'פֶעלְט נָאךְ הִיבְּשֶׁע אַ גְרוֹיסֶע טֵייל פַּאר דִי רַייזֶע שְׁפֶּעזְן.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט מִיט בַּאנֵייטֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל וִוירְקְלִיךְ קֶענֶען פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

"אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?" הָאט אַ אִיד אָנְגֶעפְרֶעגְט חֶעזְקֶעלֶעס טַאטֶע? עֶר הָאט זִיךְ גֶענוֹיטִיגְט אִין עֶפֶּעס אַן אַרְבֶּעט וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז הָרַב וֵוייס זָאל אוֹיסְפִירְן.

חֶעזְקֶעלֶע'ס טַאטֶע הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי אַרְבֶּעט. וִוי אִיבֶּערְרַאשְׁט אִיז עֶר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט דִי גֶעהַאלְט אַז עֶס הָאט גֶעדֶעקְט פּוּנְקְט וָואס עֶס הָאט נָאךְ אוֹיסְגֶעפֶעלְט פַּאר חֶעזְקֶעלֶע'ס טִיקֶעט צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

חֶעזְקֶעלֶע הָאט אַיינְגֶעפַּאקְט זַיין רֶענְצְל מִיט אַ שַׁיינֶענְדִיגֶע שְׁמֵייכְל. גָארְנִישְׁט אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען אוֹיף דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה, אַבִּי עֶר פָּארְט צוּ רֶבִּי'ן.

יָא, עֶר הָאט גֶעפּוּעֶלְ'ט!

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶס דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ שׁוֹין דִי טֶעג. דֶער לוּחַ צֵייגְט שׁוֹין אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אוֹיפְן וֶועג. נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים בִּיז צוּם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה. בְּרֶסְלֶבֶ'ער קִינְדֶער, סְ'אִיז שׁוֹין צַייט צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין. שְׁפָּארְט נִישְׁט קַיין תְּפִלּוֹת, בֶּעטְס אוּן דַאוְונְט אַז מִיר אַלֶע אִינְאֵיינֶעם זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פָּארְן צוּם רֶבִּין צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ.

אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן שׁוֹין טִיקֶעטְס אָדֶער אַז זֵייעֶר טַאטֶע הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן בְּעֶזְר הַשֵּׁם פָּארְן, דַארְפְן נָאכְאַלְץ אַיינְרַייסְן. דִי הִיסְטָארְיֶע הָאט שׁוֹין גֶעוִויזְן אַז גָארְנִישְׁט אִיז פַּארְזִיכֶערְט. מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן הֵייס מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע קִבּוּץ זָאל קֶענֶען צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען אוּן אִינְאֵיינֶעם זָאלְן מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן דִי גְּאוּלָּה שְׁלֵמָה דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

# לעובדא ולמעשה

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִיד אַ שְׁמִיד. זַיין פַּרְנָסָה אִיז עֶר גֶעוֶוען אַז עֶר פְלֶעגְט מִיט פַייעֶר צוּזַאמְשְׁמֶעלְצְן אַייזְן. עֶר הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין אוּקְרַיינֶע נֶעבְּן דֶעם דֶערְפְל רֶעסָאשֶׁע.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעאַרְבֶּעט זַיין אַרְבֶּעט אַזוֹי רוּאִיג אוּן גֶעמִיטְלִיךְ, הֶערְט עֶר פְּלוּצְלִינְג אַ מָאדְנֶעם גֶערוּיש פוּן הֶעכֶער דֶעם בַּארְג וואוּ עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט. עֶר הָאט גֶעקוּקְט אַהִין אוּן אַהֶער בִּיז עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער בִּילְד. אַ גְרוֹיסֶער וָואגְן שָׁאקְלְט זִיךְ ווִילְד אוֹיף אַלֶע זַייטְן. אֵיין רֶעדְל אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פְּלוּצְלוּנְג אִינְמִיטְן פָארְן אוּן עֶס פָארְט שְׁנֶעל צוּם אָפְּגְרוּנְד! דֶער שְׁמִיד הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ כַאפְּן וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זִיצְן אוֹיף אַזַא צֶעבְּרָאכֶענֶעם וָואגְן, וָואס גְלִיטְשְׁט אַרָאפּ דֶעם בַּארְג מִיט אַ ווִילְדֶע שְׁנֶעלְקַייט. ס'אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ. זַייעֶר לֶעבְּן אִיז אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכְן גֶעפַאר.

דֶער שְׁמִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּעַל כֹּחַ, הָאט בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ צוּ מוֹסֵר-נֶפֶשׁ זַיין אוּן פְּרוּבִּירְן רַאטֶעוֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וָואגְן. אִין אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אַ אַוֶועק פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג, גְרֵייט צוּ כַאפְּן דֶעם וָואגְן. מִיט זַיינֶע בְּרֵייטֶע אַקְסְלֶען הָאט עֶר זִיךְ אַנְטְקֶעגְן גֶעשְׁטֶעלְט אוּן וֶוען דֶער וָואגְן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט עֶס שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעהַאקְט אִין דֶעם אִיד, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט...

וַוייסְטוּ וֶוער אִיז אֵיינֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיפְן וָואגְן?

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל. עֶר אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוֹיפְן וָואגְן... דֶער פָּשׁוּט'ע שְׁמִיד הָאט גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶועמֶען עֶר רַאטֶעוֶועט אִין יֶענֶע מִינוּט... נָאךְ דֶעם גְרוֹיסְן נֵס, וֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרָאפּ פוּנֶעם וָואגְן אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זַ"ל צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אִיד - דֶער שְׁמִיד אוּן אִים אָנְגֶעווּאוּנְטְשְׁן: "לַאנְג לֶעבְּן זָאלְסְטוּ..."

וְכָךְ הֲוָה, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. דֶער אִיד אִיז עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער גֶעוָוארְן... עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזַא אַלְטֶער אִיד מִיט אַ ווַייסֶע בָּארְד, עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט יָאר!!!

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזִין זַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן. אֵיינְמָאל הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וֶוען ר' אַבְרָהָם הָאט דָארְט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי עֶר וַויינְט אוּן זָאגְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַוואוּ נֶעמְט מֶען דִי אֱמוּנָה אַז קַיין שׁוּם דִּבּוּר וֶוערְט נִישְׁט פַּארְלוֹירְן? אַוואוּ? וואוּ נֶעמְט מֶען דִי אֱמוּנָה אַז דִי שְׁטֵייסְט אִיבֶּער מִיר אוּן הֶערְסְט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד?!"

ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אִים אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אַז עֶר הָאט עֶס קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן. דִי דִיבּוּרִים הָאבְּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען הִתְבּוֹדְדוּת בֶּאֱמֶת. וַוייל מֶען דַארְף אַסַאךְ וויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז ס'אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, אוּן דָארְט קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ, דֶער עִיקָר אַז דָארְט זָאל מֶען נִישְׁט זַיין נֶעבֶּעכְדִיג אוּן פַארְשֶׁעמְט...
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

# וואו איז יאסעלע? #7

אין קורצן פון פריער:

*נאך א לענגערע צייט לאקערן כאפט דער "מוסד" אין נעץ אריין די גיורת רות בן דוד, נאכן סטראשען אויף איר לעבן נעמען זיי ארויס אינפארמאציע אוואו עס געפינט זיך יאסעלע, זיי קומען צו פאמיליע גערטנער אין וויליאמסבורג און טרעפן דארט יאסעלע וואס מען רופט אים יעצט יענקל גערטנער...*

ר' נחמן שטראקס ז"ל דער זיידע פון יאסעלע איז געזעצן אין תפיסה צווישן שווערע פארברעכער, זיין צושטאנד איז געווען זייער שווער, ער איז געווען א עלטערער אפגעליטענער איד, יעדן טאג אין תפיסה איז געווען פאר אים זייער ביטער, צו דערצו איז ער אויך געווען בלינד אויף איין אויג, ווייל די רוסן ימח שמם וזכרם האבן אים נעבעך אויסגעשטאכן איין אויג ווען זיי האבן געוואלט ארויסנעמען פון זיין מויל איינצעלהייטן וועגן זיינע חברים די ברסלב'ע חסידים וועלכע האבן אפגעהיטן אידישקייט אין רוסלאנד קעגן דעם געזעץ. אויך דאן איז ער געשטאנען פעסט ווי א מויער און נישט ארויסגעלאזט קיין איין ווארט כאטש עס איז אריבער אזעלכע שרעקליכע שווערע יסורים וואס זיי האבן אים נעבעך אפגעטון, אזוי ווי דעמאלס אויך יעצט איז ער געשטאנען שטארק און נישט געזאגט קיין ווארט, אבער דער גאנצער מצב איז געווען פאר אים א גרויסע סכנה, עס איז געווען קלאר אז דער אלטער זיידע גייט נישט קענען ציען לאנג אין תפיסה אן קיין מינימאלע באהאנדלונג, אונזערע לייט און אויך אסאך אסאך אידן איבער דער וועלט האבן געבעטן פאר אים תפילות און געזאגט תהילים ער זאל זיין געזונט און זיך האלטן שטארק



און וואס שנעלער ווערן באפרייט לחיים ולשלום.

אין די זעלבע צייט ח' סיון תש"ך האט מען זיך געגרייט צווישן ברסלב'ע חסידים צו א גרויסע שמחה, עס איז געקומען די גוטע בשורה אז מען גייט פייערן א מעמד הנחת אבן הפינה פאר די ישיבת ברסלב אין בני ברק, די ערשטע ברסלב'ע ישיבה אין ארץ ישראל, די איבערראשונג איז געווען זייער גרויס, ר' חיים נחמן מרגליות האט צוגעשטעלט באסעס פארן עולם צו קומען זיך מיטפרייען מיט די שמחה, עס זענען געפארן יוגלייט בחורים און קינדער און אויך אלע זקני אנ"ש, עלטערע אידן האבן אויך געוואלט נעמען א טייל אין די שמחה, אויפן וועג.

אזוי ווי די חסידים זענען ארויסגעפארן פון ירושלים האט איינער זיך אנגערופן: "אט גייט מען אריבערפארן רמלה נעבן די תפיסה וואו ר' נחמן שטראקס איז איינגעשפארט...". דער עולם איז געווארן באנומען, 'אוי , ר' נחמן, וואס וועט זיין מיט אים??!' איינער האט פארגעשלאגן אפשר זאל מען אים גיין באזוכן דארט אין תפיסה, און דער עולם אויפן באס האט זיך ארויפגעכאפט אויפן געדאנק, זיי האבן געבעטן דעם דרייווער זאל א טובה טון און צופירן די באס קיין רמלה מאכן א קליין אפשטעל און באזוכן ר' נחמן שטראקס אים צו אביסל מחזק זיין. אלע האבן

צוגעשטימט דער באס האט זיך אפגעשטעלט און ר' חיים נחמן מרגליות איז צוגעגאנגען צום אפיציר וואס איז געשטאנען ביים טויער בעטנדיג בשם אלע גוטע ידידים פון ר' נחמן שטראקס מאכן א קליין באזוך ביי אים אים צו דערפרייען, דער אפיציר האט אבער נישט אריינגעלאזט בשום אופן! "עס קומט נישט אין באטראכט!" האט ער קלאר ארויסגעזאגט. ר' חיים האט פראבירט זיך איינבעטן אהער אהין אבער ס'איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן, אצינד האט ער געבעטן מען זאל כאטש לאזן וויסן ר' נחמן אז דער עולם איז געקומען אים באזוכן און אים ברענגען צום פענסטער וואס מען קען זען דעם טויער מען זאל אים כאטש קענען וויזן די פנימ'ער, צו דעם האבן זיי צוגעשטימט און מען האט געשיקט צוויי שומרים ברענגען דעם זיידן צום פענסטער.

ווי נאר דעם עולם האט געזען ר' נחמן געזיכט ארויסבליקן פון פענסטערל מיט די גראטעס האבן זיי באלד גענומען שרייען מיט הויכע קולות אינאיינעם: ר' נחמן! שטארק זיך! דערהאלט זיך! האב פון קיינעם קיין מורא נישט! פון די אויבערשטע קליין פענסטערל האט זיך אנגעצונדן א שיין אין די אויגן פונעם אפגעליטענעם זיידן, דער עולם האט זיך געגעבן איינעם דעם צווייטן די האנט און אזוי ווי אמת'ע ברסלב'ע חסידים ארויסגעגאנגען אין א פרייליכע טענצל צוזאמען באגלייט מיט א ניגון פון שמחה, איידער זיי זענען צוריק ארויף אויף די באסעס האבן זיי נאך אנגיאגט צו זען ר' נחמן'ס שמייכל ער איז נישט אליין אין זיין שווערן צושטאנד.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

# דֶער פַארְלוֹירֶענֶער שְׁלֹמֶה'לֶע

המשך פון זייט 12

לָאזְט אַלֶעס אָפּ, זַיין פְּרִיוַואטְן לֶעבְּן, זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶעס אַרוּם, אוּן לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג. וֶועלְכֶע וֶועג?

דֶער צַדִּיק, דֶער שֵׁנִי-לְמֶלֶךְ אִיז מִשְׁתַּדֵּל אוּן שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן מִיטְלֶען צוּ טְרֶעפְן דִי עֵצָה וִויאַזוֹי אוּנְז צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען צוּם מֶלֶךְ - דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער. וִויאַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן דִי כֹּחוֹת צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְן נִסָּיוֹן פוּנֶעם 'נִישְׁט גוּטֶער'. דֶער צַדִּיק זוּכְט אוּן גְרָאבְּט עֵצוֹת, תְּפִלּוֹת, אַנְטְפְּלֶעקְט תּוֹרוֹת, שִׂיחוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת, עֶר לַיידְט פַאר אוּנְז סֵבֶל-רָב, עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוּן גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע מִלְחָמוֹת.

זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען וֶועגְן אוּנְז, זַיין וִוילְן אוּן אַלֶע פְּעֻלּוֹת זַיינֶע אִיז פַאר אוּנְז פַארְלוֹירֶענֶע וֶועלְכֶע הָאבְּן שוֹין כִּמְעַט פַארְגֶעסְן פַארְוָואס מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַלֶע זַיינֶע טִרְחוֹת אוּן יְגִיעוֹת אִיז צוּלִיבּ וֶועלְכֶע צְוֶועק? מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין דֶערְגְרֵייכְן דֶעם מֶלֶךְ. מִיר זָאלְן פַארְלָאזְן דֶעם נִישְׁט גוּטְן אוּן אִינְוֶועסְטִירְן אַלֶע כּוֹחוֹת אִין תְּפִלָּה, תּוֹרָה אוּן קִיּוּם הַמִּצְוֹת מִיט שִׂמְחָה.

מִיר וֶועלְן וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק וָואס זוּכְט אוּנְזֶער אֵייבִּיגֶע טוֹבָה, מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן אִין אִים, אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן דֶעם רִיכְטִיגֶע נַחַת רוּחַ פַאר אוּנְזֶער טַאטְן אִין הִימְל.

(ע"פ מעשה א מאבידת בת מלך)

# דער דרייסטער קאנטאניסט

ווֶעלכֶער אִינְגֶל הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אַזַא ווָארְט, 'קַאנְטָאנִיסְטְן'? דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶער ווֶעלכֶע זֶענֶען אַוֶועקְגֶערִיסְן גֶעווָארְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים דוּרְךְ דֶעם רוּסִישְׁן צַאר אוּן זַיינֶע זֶעלְנֶער, וואוּ מֶען הָאט דִי קִינְדֶער אַרַיינְגֶערִיקְט אִין דִי רוּסִישֶׁע מִילִיטֶער.

פֶערְצִיג יָאר הָאט ר' יִצְחָק דָּוִד כֹּהֵן זַ"ל – דֶער טַאטֶע פוּן ר' נַפְתָּלִי כֹּהֵן זַ"ל – זִיךְ פַארְזוֹימְט אִין דִי פְרֶעמְדֶע מִילִיטֶערִישֶׁע בַּארַאקְן, אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן זַיין וַוארִימֶע מִשְׁפָּחָה, פַארְווָארְפְן צְווִישְׁן דִי שְׁמוּצִיגֶע רוּסִישֶׁע גוֹיִם. עֶר אִיז גֶעוֶוען קוֹים אַ קְלֵיין קִינְד ווֶען מֶען הָאט אִים בַּארוֹיבְּט פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶּער פוּן אִידִישְׁקַייט הָאט עֶר נִישְׁט פַארְגֶעסְן. עֶר הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ הַאלְטְן ווִי וַוייט מֶעגְלִיךְ. ווֶען עֶר הָאט בַּר מִצְוָה גֶעהַאט הָאבְּן אִים זַיינֶע פַארְוֵוייטָאגְטֶע עֶלְטֶערְן גֶעשִׁיקְט עֶפֶּעס גָאר אַ טֵייעֶרְן אוֹצָר, אַ הֵיילִיגֶע פָּאר תְּפִלִּין. דִי אֵיין זַאךְ הָאט אִים גֶעהַאלְטְן פֶעסְט, 'זַיינֶע תְּפִלִּין', ווָאס עֶר הָאט נִישְׁט פַארְפַּאסְט צוּ לֵייגְן טְרָאץ דִי סַכָּנוֹת ווָאס אִיז גֶעוֶוען, אוֹיבּ מֶען ווֶעט אִים כַאפְּן לֵייגְן אָט דִי אִידִישֶׁע בֶּענְדְלֶעך אוֹיף זַיינֶע הֶענְט, אוּן פַארְבִּינְדְן הֶעכֶערְן קָאפּ.

אֵיינְמָאל הָאט עֶס טַאקֶע פַּאסִירְט! אַן אוֹיפְזֶעעֶר פוּן דִי מִילִיטֶער הָאט אִים גֶעפַּאקְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה, ווֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאצִירְט מִיט זַיינֶע תְּפִלִּין. דֶער אוֹיפְזֶעעֶר ווֶערְט אִין כַּעַס. 'אַזַא חֻצְפָּה פוּן אַ אִיד! שׁוֹין ווֶעט מֶען אִים לֶערְנֶען דִי בֵּיינֶער! עֶר קוּמְט נָאנְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין אוּן מִיט זַיינֶע אוּמְוֶוערְדִיגֶע הֶענְט רֵייסְט עֶר אַרָאפּ דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין פוּן ר' יִצְחָק דָּוִד'ס רֵיינֶע קָאפּ. ר' יִצְחָק דָּוִד הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁוַוייגְן. אַזוֹי צוּ פַארְשְׁוֶועכְן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין? ר' יִצְחָק דָּוִד אִיז גֶעוֶוען פִיזִישׁ אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ – אַ גְבוּרָה ווָאס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשָׁאנְקְן, אוּן יֶעצְט ווֶען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לוֹחֵם זַיין פַארְן בַּאשֶׁעפֶערְ'ס כָּבוֹד אִיז דָאס אִים גוּט צוּנִיץ גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם אָפִיצִיר אַ קְנַאק מִיט זַיין בִּיקְס אוּן דֶער אָפִיצִיר אִיז גֶעפַאלְן אַ טוֹיטֶער אוֹיפְן אָרְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז ר' יִצְחָק דָּוִד הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט אִים צוּ הַרְגֶ'ענֶען, נָאר אִים צוּ לֶערְנֶען אַ לֶעקְצְיֶע.



גְלַייךְ אִיז גֶעוָוארְן אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין מִילִיטֶער. אַ קְלֵיינִיקַייט? אַ סָאלְדַאט הָאט עֶרְלֶעדִיגְט אַן אָפִיצִיר. אֲפִילוּ דָאס ווָאלְט גֶעוֶוען מִיט אַ גוֹי'שֶׁער סָאלְדַאט ווָאלְט עֶר בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף, אָבֶּער דָא רֶעדְט זִיךְ עֶס פוּן אַ אִיד! דָאס אִיז זִיכֶער אַ זַאךְ ווָאס מֶען דַארְף שְׁטְרֶענְג בַּאהַאנְדְלֶען.

*המשך בעז"ה די אנדערע וואך*



# מעשה א׳ - די פארלוירענע בת מלך

[אוֹת א] [רַבֵּינוּ זַ״ל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן]:

**אִין ׳וֶועג׳ הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה – וָואס ׳וֶוער׳ עֶס הָאט זִי גֶעהֶערְט, הָאט גֶעהַאט אַ ׳הִרְהוּר־תְּשׁוּבָה׳! – אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה:**

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ ׳מֶלֶךְ׳! – דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעהַאט ׳זֶעקְס זוּהְן׳ אוּן ׳אֵיין טָאכְטֶער׳! – [אוּן] דִי [דָאזִיגֶע] ׳טָאכְטֶער׳ אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען [אִין זַיינֶע אוֹיגְן]! – אוּן עֶר הָאט זִי זֵייעֶר ׳מְחַבֵּב׳ גֶעוֶוען (כְּלוֹמַר: גֶעלִיבְּט)! – אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיהְר זֵייעֶר ׳מְשַׁעֲשֵׁעַ׳ גֶעוֶוען [גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט]!

אַמָאל אִיז עֶר מִיט אִיר גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם אִין ׳עֶפֶּעס אַ טָאג׳! – אוּן אִיז אוֹיף אִיר בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן! – הָאט זִיךְ אִים אַרוֹסְגֶעכַאפְּט אַ וָוארְט: ״[אַז] דֶער ׳נִישְׁט־גוּטֶער׳, זָאל דִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען״!

׳בַּיינַאכְט׳ אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען אִין אִיר ׳חֶדֶר׳ [צִימֶער] אַרַיין! – [אוּן] ׳אִינְדֶערְפְרִי׳ הָאט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ זִי אִיז! – הָאט זִיךְ דֶער ׳פָאטֶער׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳מֶלֶךְ׳), זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען! – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן אַהִין אוּן אַהֶער!

[אוֹת ב] אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶער ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳, מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט גֶעזֶעהְן [אַז] דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט ׳גְרוֹיס צַעַר׳! – אוּן הָאט גֶעבֶּעטְן: ״אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן אַ ׳מְשָׁרֵת׳, מִיט אַ ׳פֶערְד׳, אוּן ׳גֶעלְט׳ אוֹיף הוֹצָאוֹת״!

אוּן [עֶר] אִיז גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן! – הָאט עֶר זִי [אִיר] זֵייעֶר גֶעזוּכְט, ׳זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט׳ – בִּיז עֶר הָאט זִי גֶעפוּנֶען!

## פֶּרֶק ב – דֶער ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳ טְרֶעפְט אִיר אִין אַ ׳שְׁלָאס׳, אִין דִי ׳נִישְׁט־גוּטֶער׳ פְּלַאץ

[אוֹת א] (הַיינְט דֶערְצֵיילְט עֶר, ׳וִויאַזוֹי׳ עֶר הָאט זִי גֶעזוּכְט, ׳בִּיז׳ עֶר הָאט זִי גֶעפוּנֶען): אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען [אַהִין אוּן אַהֶער] אַ לַאנְגֶע צַייט! – אוּן אִין ׳מִדְבָּרִיוֹת׳, אוּן אִין ׳פֶעלְדֶער׳, אוּן אִין ׳וֶועלְדֶער׳! – אוּן הָאט זִי גֶעזוּכְט זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער ׳מִדְבָּר׳, אוּן הָאט גֶעזֶעהְן אַ ׳וֶועג פוּן דֶער זַייט׳! – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] אִיךְ גֵיי ׳אַזוֹי אַ [אַזַא] לַאנְגֶע צַייט׳ אִין דֶער ׳מִדְבָּר׳, אוּן [אִיךְ] קֶען זִי נִישְׁט גֶעפוּנֶען – לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] גֵיין אוֹיף ׳דֶעם [דָאזִיגְן זַייטִיגְן] וֶועג׳! טָאמֶער וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַ ׳יִשּׁוּב׳״! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַ ׳לַאנְגֶע צַייט׳!

[אוֹת ב] דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַ ׳שְׁלָאס׳ [פֶעסְטוּנְג]! אוּן אַסַאךְ ׳חֲיָילוֹת׳ [זֶעלְנֶער] שְׁטֵייעֶן אַרוּם [צוּ בַּאוַואכְן]! – אוּן דֶער ׳שְׁלָאס׳ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין! אוּן דִי ׳חֲיָילוֹת׳ זֶענֶען אַרוּמְגֶעשְׁטַאנֶען כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַּיין!

הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִי ׳חֲיָילוֹת׳: ״טָאמֶער וֶועלְן זֵיי אִים נִישְׁט לָאזְן אַרַיינְגֵיין״?! – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״אִיךְ וֶועל מִיךְ פְּרוּבְן״!

אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דָאס ׳פֶערְד׳, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם ׳שְׁלָאס׳! – הָאט מֶען אִים גֶעלָאזְט, אוּן מֶען הָאט אִים גָארְנִישְׁט מְעַכֵּב גֶעוֶוען [נִישְׁט צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן]! – אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין חֶדֶר [צִימֶער] צוּם אַנְדֶערְן,

אוּן מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעוֶוערְט [נִישְׁט צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן]!

אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳פַּאלַאץ׳! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: ״[וִוי] דֶער ׳מֶלֶךְ׳ זִיצְט דָארְט אִין אַ [מִיט אַ] ׳קְרוֹין׳! – אוּן אַסַאךְ ׳חֲיָילוֹת׳ [זֶעלְנֶער] שְׁטֵייעֶן [דָארְט] אַרוּם אִים [צוּ בַּאוַואכְן]! – אוּן אַסַאךְ שְׁפִּילְן אוֹיף כֵּלִים פַאר אִים! – אוּן עֶס אִיז דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין אוּן פַיין גֶעוֶוען״! – אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳, אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי, הָאט [הָאבְן] אִים גָארְנִישְׁט גֶעפְרֶעגְט!

אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶעהְן גוּטֶע ׳מַאֲכָלִים׳ [אוּן ׳מַעֲדַנִּים׳]! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען [זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט], אוּן הָאט גֶעגֶעסְן! – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט אִין אַ וִוינְקֶעלֶע, עֶר זָאל זֶעהְן: ״וָואס דָארְטְן וֶועט זִיךְ טוּהְן?״!

[אוֹת ג] הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: [אַז] דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעהֵייסְן: ״[אַז] מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי ׳מַלְכָּה׳״! – אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען ׳זִי׳ [אִיר] בְּרֶענְגֶען! – אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען: אַ גְרוֹיסֶער ׳רַעַשׁ׳, אוּן אַ גְרוֹיסֶע ׳שִׂמְחָה׳! – אוּן דִי ׳קַאפֶּעלְיֶעס׳ הָאבְן זֵייעֶר גֶעשְׁפִּילְט אוּן גֶעזִינְגֶען: ״וַוייל מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] דִי ׳מַלְכָּה׳״!

אוּן מֶען הָאט אִיר גֶעשְׁטֶעלְט אַ ׳שְׁטוּהְל׳! – אוּן מֶען הָאט זִי [אִיר] גֶעזֶעצְט נֶעבְּן אִים [נֶעבְּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳]! – אוּן דָאס [דִי דָאזִיגֶע ׳מַלְכָּה׳] אִיז גֶעוֶוען דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] ׳בַּת־מֶלֶךְ׳! – אוּן ׳עֶר׳ [דֶער ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳] הָאט ׳זִי׳ [אִיר] גֶעזֶעהְן! אוּן [עֶר] הָאט ׳זִי׳ [אִיר] דֶערְקֶענְט!

[אוֹת ד] נָאכְדֶעם הָאט דִי ׳מַלְכָּה׳ אַ קוּק גֶעטָאן, אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: ״אֵיינֶער לִיגְט אִין אַ ׳וִוינְקֶעלֶע׳״! – הָאט זִי אִים דֶערְקֶענְט! – אִיז זִי אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶער ׳שְׁטוּהְל׳, אוּן אִיז צוּ אִים גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִים אָנְגֶערִירְט! – אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״קֶענְסְטוּ מִיךְ״! – הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא אִיךְ קֶען דִיךְ, דוּ בִּיזְט דִי ׳בַּת־מֶלֶךְ׳ וָואס אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן״!

הָאט עֶר זִי [אִיר] גֶעפְרֶעגְט: ״וִוי [וִויאַזוֹי] קוּמְסְטוּ אַהֶער״?! – הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וַוייל דֶעם ׳טַאטְן׳ הָאט זִיךְ אִים אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דָאס [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] וָוארְט (הַיְינוּ: ״אַז דֶער ׳נִישְׁט־גוּטֶער׳ זָאל דִיךְ נֶעמֶען״)! אוּן ׳דָא׳, אִיז דָאס אָרְט [פְּלַאץ] וָואס אִיז ׳נִישְׁט־גוּט׳״!

הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט: ״אַז אִיר ׳פָאטֶער׳, אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר! אוּן [אַז] עֶר זוּכְט זִי כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים״ [אַסַאךְ יָאהְרְן]!

[אוֹת ה] אוּן [עֶר] הָאט זִי [אִיר] גֶעפְרֶעגְט: ״וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען״?! – הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דוּ קֶענְסְט מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען! ׳סַיידְן׳ [נָאר] אַז דוּ זָאלְסְט [אוֹיבּ דוּ וֶועסְט] דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ אָרְט [פְּלַאץ]! אוּן [דוּ] זָאלְסְט דָארְט זִיצְן אֵיין יָאהְר! – אוּן אַ ׳גַאנְץ יָאהְר׳, זָאלְסְטוּ ׳בֶּענְקְן׳ נָאךְ מִיר: ״זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען״!

אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט, זָאלְסְטוּ רַק [נָאר] ׳בֶּענְקְן׳, אוּן ׳וֶועלְן׳, אוּן ׳הָאפְן׳: ״מִיךְ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען״! – אוּן זָאלְסְט ׳פַאסְטְן׳!

אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן [לֶעצְטְן] טָאג פוּן

דֶעם יָאהְר – 1) זָאלְסְטוּ 'פַּאסְטְן'! – 2) אוּן זָאלְסְט נִישְׁט 'שְׁלָאפְן' דֶעם גַאנְצְן מֵעֵת־לְעֵת"!

[אות ו] אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטָאן! – אוּן צוּם סוֹף יָאהְר, דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג: הָאט עֶר גֶעפַּאסְט! – אוּן הָאט [אִיז] נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן! – אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְן, אוּן אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען (הַיְינוּ: צוּ דֶער 'בַּת־מֶלֶךְ' זִי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען)!

הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַ 'בּוֹים'! אוֹף דֶעם 'בּוֹים' הָאבְּן גֶעוַואקְסְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע 'עֶפְּל'! – הָאט זִיךְ אִים זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעגֶעסְן פוּן זֵיי!

תֵּיכֶּף ווִי עֶר הָאט גֶעגֶעסְן דֶעם 'עֶפְּל', אִיז עֶר אַנִידֶערְגֶעפַאלְן, אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ 'שְׁלָאף'! – אוּן הָאט [אִיז] גֶעשְׁלָאפְן זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט! – הָאט דֶער 'מְשָׁרֵת' אִים גֶעוֶועקְט! אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְוֶועקְן!

[אות ז] דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן דֶעם שְׁלָאף! – פְּרֶעגְט עֶר דֶעם 'מְשָׁרֵת': "וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט"?! – הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "[אַז] דוּ שְׁלָאפְסְט שׁוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶס אִיז שׁוֹין כַּמָּה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן] אַז דוּ שְׁלָאפְסְט! – אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶועןן [גֶעשְׁפֵּייזְט] פוּן דִי פֵּירוֹת"!

הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען! – אוּן אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען [צוּם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'פַּאלַאץ']! אוּן הָאט זִי גֶעפוּנֶען דָארְט (הַיְינוּ: דִי 'בַּת־מֶלֶךְ')!




## קליינע שטיקלעך פון די תפלה וואס איז גוט צו זאגן לכבוד התנא אלוקי רשב"י לקוטי תפלות ח"ב תפלה מ"ז

**רַבִּי** שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית. הֵיילִיגֶע לִיכְט, גְרוֹיסֶע לִיכְט אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לִיכְט. אִיר הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אוּנְז אִידְן, אַז דוּרְךְ אַיְיךְ וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְז אִידְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, וָוארוּם [ווייל] דוּרְךְ אַייעֶר הֵיילִיגֶער 'זֹהַר הַקָּדוֹשׁ' וֶועלְן מִיר אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָּלוּת, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶער שְׁטַארְקֶער 'הַסְתָּרָה', ד.ה. פַארְהוֹילֶעֶנִישׁ אוּן פַארְבָּארְגֶענִישׁ, גָאר אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג 'בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא' אִין מָשִׁיחַ'ס צַייטְן, הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה, וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'.

**עַל כֵּן** בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען דִיר דָא דֶערְמַאנֶען, הֵיילִיגֶער רַבִּי, רַבּוֹתַי הַקְּדוֹשִׁים, הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף מִיר, אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָאר דִי שְׁלֶעכְטְץ אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן פוּן זַייט אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן בִּיז אִיצְט, ... **הָאט** רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט וֶוענְדְן צוּ דָאס אַלֶעס, צוּ אַלֶע פְּגָמִים וְקִלְקוּלִים, אוּן עֶס זָאל אַייךְ אוֹיף מִיר נִישְׁט פַארְדְרִיסְן, נָאר אִיר זָאלְט קְלֶערְן מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן יֶעצְט אָן, אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁטוֹיסְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אוּן פוּן אַייךְ, וָוארוּם פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אִיז אִיצְט אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אָפְּהַאלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אִין דִי צַייט.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## מעשה א' פון אבידת בת מלך (1)

**א.** וויפיל זוהן און וויפיל טעכטער האט דער מלך געהאט?
- ❑ זעקס זוהן און איין טאכטער
- ❑ זעקס טעכטער און איין זוהן
- ❑ דריי זוהן און דריי טעכטער

**ב.** וואס איז די ווארט וואס האט זיך ארויס געכאפט פון מלך?
- ❑ אז דער גוטער זאל דיר נעמען
- ❑ אז דער באשעפער זאל דיר נעמען
- ❑ אז דער נישט גוטער זאל דיר נעמען

**ג.** ווער איז געגאנגען זוכן די בת מלך?
- ❑ דער זוהן פון מלך
- ❑ דער שני למלכות
- ❑ די משרתים פון מלך

**ד.** וויאזוי איז געווען די שלאס (פאלאץ) וואס ער האט געזעהן?
- ❑ זייער שיין
- ❑ די מיליטער זענען ארום געשטאנען זייער פיין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה.** וואס האט זי געזאגט אויף די פאלאץ?
- ❑ אז ס'איז א גוטע פלאץ
- ❑ אז דא איז די פלאץ וואס איז נישט גוט
- ❑ זי האט גארנישט געזאגט

**ו.** און וואס זאל ער טוהן דעם אונטערשטן (לעצטן) טאג?
- ❑ פאסטן
- ❑ נישט שלאפן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?
- ❑ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
- ❑ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
- ❑ וואו בין איך אין דער וועלט

**ח.** וואו איז מרומז אין די מעשה וואס עס שטייט אין תורה ס'אז "ע"י פגם תאוות אכילה... נופלין לבחינת שינה"?

**ט.** וויאזוי קען זיין אז די פאלאץ וואו די בת מלכה איז געווען פארכאפט איז די פלאץ פון 'די' נישט גוטע' ווען ס'איז דארט געווען גוטע מאכלים און קאפעליעס וואס שפילן און זינגען און אלעס איז דארט זייער פיין און שיין? וואס לערנסטו זיך פון דעם?

**י.** וואו קען מען זיך לערנען פון די מעשה, אז טראגן די שווערקייט און מניעות צו יעדע דבר שבקדושה וואס זעט אויס אוממעגליך צו טון, דארף מען פארט פרובירן טון וואס מען קען נאך?

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# דֶער פַארְלוֹירֶענֶער שְׁלֹמֶה'לֶע



זִיצְט ר' אֶפְרַיִם, פַארְטְרַאכְט אוּן זוּכְט אַן עֵצָה. מֶען דֶערְקֶענְט אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט אַן אוֹיסְגֶעגָאסֶענֶעם צַעַר. דֶער נַייעֶר זְמַן הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן, אַלֶע בַּחוּרִים זִיצְן שׁוֹין אוּן לֶערְנֶען מִיט פְּלַייס אוּן זַיין בֶּן יָחִידְ'ל שְׁלֹמֶה'לֶע הָאט מֶען אִין קַיין יְשִׁיבָה נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ עֶר דְרֵייט זִיךְ אוּן פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג.

דִי תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט פַארְגָאסְן הָאט דֶערְגְרַייכְט דִי אַדְרֶעס, עֶס קְלַאפְּט בַּיי זַיין טִיר דֶער גְרוֹיסֶער עַסְקָן ר' בֶּערִישׁ וֶועלְכֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ טוּן דָאס בֶּעסְטֶע צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם שְׁלֹמֶה'לֶע אִין שְׁטוּבּ אוּן אִים טְרֶעפְן אַ פַּאסִיגֶע יְשִׁיבָה, "בְּרֶענְג מִיר נָאר אַ בִּינְטְל גֶעלְט אוּן אַ דְרַייוֶוער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְן וֶועג אוּן צָאלְן וֶועמֶען מֶען בְּרוֹיךְ".

ר' בֶּערִישׁ לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אַפִּירְזוּכן דֶעם שְׁלֹמֶה'לֶע וֶועלְכֶער וַואלְגֶערְט זִיךְ אַרוּם פוּן אֵיין עֶק שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן.

עֶר זוּכְט אוּן זוּכְט, עֶר פָארְט פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, עֶר פְרֶעגְט אָן בַּיי מֶענְטְשְׁן, דוֹרֵשׁ וְחוֹקֵר וֶועם עֶר טְרֶעפְט נָאר אָן. אִינְצְוִוישְׁן אִיז עֶר אַרִיבֶּער אִין יְשִׁיבָה שְׁתַּדְלֶ'ן פַאר אִים, דָארְט הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן דִי טִיר פוּן אִינְדְרוֹיסְן: "עֶר פַּאסְט נִישְׁט פַאר אוּנְזֶער יְשִׁיבָה!". עֶר פְּרִיוְוט אַ צְוֵוייטֶע יְשִׁיבָה, עֶר צָאלְט גֶעלְט פַאר דִי הַנְהָלָה, עֶר זָאגְט צוּ נָאךְ גְרֶעסֶערֶע סְכוּמִים, אִינְצְוִוישְׁן אִיז עֶר טִיף פַארְנוּמֶען מִיטְן זוּךְ-אַקְצִיֶע.

נָאךְ לַאנְגֶע אִיבֶּערְמִידֶע וָואכְן טְרֶעפְט עֶר דֶעם בָּחוּר אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אִין אַ פַאבְּרִיק. שְׁלֹמֶה'לֶע אִיז גְרֵייט צוּ גֵיין לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, אָבֶער עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי אַרְבֶּעט. ר בֶּערִישׁ פְּלָאגְט זִיךְ אָן, עֶר טוּט וָואס מֶען קֶען נָאר בִּיז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּרִיקְצוּזֶען שְׁלֹמֶה'ע זִיצְן אִין יְשִׁיבָה, וואוּ דִי בָּחוּרִים זִיצְן אִין לֶערְנֶען וִוי מֶען דַארְף.

מִיר ווִילְן אוֹיךְ קוּמֶען צוּם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים. אוֹיפְן וֶועג אָבֶער שְׁטֶעקְן מִיר זִיךְ אָן מִיט שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס שְׁלֶעפְּן אוּנְז אַוֶועק פוּן קוּמֶען צוּ אִים. צוּ אִיז דָאס דוּרְךְ תַּאֲווֹת אָדֶער שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, נִישְׁט גוּטֶע רְצוֹנוֹת. טְרָאץ וָואס מִיר ווִילְן זֵייעֶר זַיין עוֹבְדֵי ה' וָואס זִיצְן טָאג אוּן נַאכְט פַארְנוּמֶען מִיט אֵייבִּיגְן תַּכְלִית, בְּלַייבְּן מִיר אָבֶער שְׁטֶעקְן עֶרְגֶעץ וואוּ.

קוּמְט דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת, דֶער אֱמֶתְ'ער צַדִיק, אוּן



המשך אויף זייט 6